בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

**מאת הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער זצ"ל**

מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים

~ **אידיש** ~

קונטרס ט' - פרשת ויקה"פ ויקרא תשע"ח

# תוכן השיעור

**"מנוחה ושמחה - אור ליהודים"**

**"דיבורים חמים כגחלי אש"**

**זוכן דעם 'שפאלטעלע'...**

**די 'גן עדן' אויף דער וועלט...!**

**באנייען די כחות...**

**"רוח סערה הגדול בשעתו"**

**"עשיתי מה שמוטל עלי - עשה מה שעליך"!**

**"גאר מיין זאך איז תפלה"!**

**פארזוכן פון די "מאכלים"...**

**האסטו געפאלגט דיין רבי'ן?!...**

**לסתום עיניו מחיזו דהאי עלמא**

**"עינים" - על שם החכמה נאמר**

**זיך טובל'ען אינעם טייך...**

**"לעבעדיגע טעג"**

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**

בסייעתא דשמיא סידרנו קו מיוחד להאזין אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**(+1)-641-715-3800 ואחר כך #718920**

**לשמוע השיעור המצו"ב יש להקיש 19**

**כמו כן יש לשמוע שיעור זה בקו אוצרות ברסלב 02-995-0000 [ובארה"ב 718-855-2121], ואחר כך 1 ← 1 ← 3 ← 1 ← 2**

©

כל הזכויות שמורות

**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל;**

יוסף מענדל האס

מאנסי, נוא יארק

**(+1) 845-200-0443**

**כמו כן ניתן להתקשר במספר הנ"ל כדי להשתתף בהוצאות הקונטרס כי רב היא וזכות הרבים תלויה בו**

לקבל את הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל;

**Rlyb148@gmail.com**

# דרשה בסעודת הילולת רביה"ק זי"ע

## ח"י תשרי שנת תש"מ לפ"ק

### "מנוחה ושמחה - אור ליהודים"

מיר האבן דא געזינגען "אזמר בשבחין", ר' זלמן דער רב[א] האט געזאגט; **אז דער רבי האט געזאגט, "וואס אידן פארמאגן - 'אקדמות' מיט'ן ניגון"[ב], מיר זאגן - "וואס מיר פארמאגן - 'אזמר בשבחין' מיט'ן אר"י הקדוש'ס ווערטער - מיטן רבי'נס נגינה"!**[ג]

**אוודאי דארפן מיר אין דעם טאג זיין זייער פרייליך, אז דער אויבערשטער האט אויף אונז רחמנות געהאט, אז מיר זענען אריינגעפאלן אינעם הייליגן חלק פונעם רבי'ן, אינעם הייליגן גורל!**[ד]

אין די וועלט איז דא גרויסע ערליכע אידן, יראים, תלמידי חכמים, און זיי ווייסן נישט פונעם רבי'ן! ר' נתן האט טאקע געזאגט צום רבי'ן; **"דאס וואס די וועלט איז ווייט פון אייך, איז מיר נישט קשה, [עס איז דא גירסא, פארוואס די וועלט 'ווייסט נישט פון אייך'],** (נאר דאס) **וואס איך ווייס פון אייך, דאס איז מיר קשה! ווי קומען**

---

[א] ר' זלמן הרב דמעדוועדיווקע, בנו של ר' ישעיה שלום ב"ר יודל מדאשוב. תלמיד מובהק של מוהרנ"ת ז"ל וגאון עצום ומופלג, רבים מאנ"ש קיבלו ממנו.

[ב] רצ"ל עפ"י שיחות הר"ן אות רנ"ו.

[ג] עי' שיח שרפי קודש ג' ת"ט.

[ד] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' כ"ה אות ה'; ... גַּם דַּע שֶׁכְּדֵי לְהַכְנִיעַ הַקְּלִפָּה הַמְסַבֶּבֶת שֶׁבְּכָל מַדְרֵגָה כַּנַּ"ל, עַל זֶה צָרִיךְ שֶׁיְּעוֹרֵר שִׂמְחָה שֶׁל מִצְוָה עַל עַצְמוֹ. הַיְנוּ שֶׁיִּשְׂמַח עַל יְדֵי שֶׁיִּזְכֹּר שֶׁזָּכָה לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְזָכָה לְהִתְקָרֵב לַצַּדִּיקִים הַמְקָרְבִין אוֹתוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ...

ועי' גם ליקוטי הלכות הל' תפלת המנחה ז' אות נ"ג; ... וְאַחַר כָּךְ יוֹסִיף לְשַׂמֵּחַ אֶת עַצְמוֹ בַּמֶּה שֶׁזָּכָה לְהִתְקָרֵב לְהַצַּדִּיקֵי אֱמֶת ... שֶׁזֶּה עֲבוֹדַת הַצַּדִּיק הָאֱמֶת שֶׁהוּא אִישׁ תְּבוּנוֹת, שֶׁמַּכְנִיס בְּלֵב הַמִּתְקָרְבִים אֵלָיו הִתְבּוֹנְנוּת בִּגְדֻלָּתוֹ יִתְבָּרַךְ, וְצָרִיךְ לְשַׂמֵּחַ עַצְמוֹ מְאֹד בָּזֶה שֶׁזָּכָה לְהִתְקָרֵב לְהַצַּדִּיק שֶׁמַּכְנִיס בּוֹ הַשָּׂגַת אֱלֹקוּת...

מיר צו אייך?", האט דער רבי געענטפערט; "דאס איז אויך נישט קשה!" דאס איז אויך נישט קשה![ה]

דער אויבערשטער האט אויף אונז רחמנות געהאט, ער האט אונז צוגעשיקט אן "אור"! - - ר' נחמן טולטשינ'ער האט געזאגט; אין גמרא איז דא, "מען טאר נישט הנאה האבן פון די וועלט אן א ברכה"[ו], וואספארא ברכה מאכן מיר אויפן רבי'ן? "ברוך ה' אשר נתן מנוחה לעמו ישראל"[ז], דאס מאכן מיר א ברכה אויפ'ן רבי'ן!

דער אויבערשטער האט געגעבן א "מנוחה לעמו ישראל", דאס איז א "מנוחה"! ווען הייסט דאס א מנוחה? וואס איז טייטש די ווארט "מנוחה"? ווען איז דא א מנוחה? דער עיקר מנוחה איז דאך "מנוחת המוח", "מנוחת הלב"! [מען האט נעכטן געלערנט], אז דער נפש זאל ארויף גיין לשורשה, דער נפש פון יעדער איינער איז דאך גענומען געווארן פון דער כסא הכבוד, און יעדער איינער דורך זיינע פגמים - דורך זיינע קילקולים - איז זיין נפש פארווארפן געווארן וואו ער איז פארווארפן געווארן, און דער נפש זאל זיך אומקערן צוריק צו זיין מנוחה - דעמאלטס האט דער נפש א מנוחה - אז ער קערט זיך צוריק צו זיין שורש![ח]

האט דער אויבערשטער געשיקט א צדיק אמת, וואס זיין נאמען איז טאקע על שם "מנוחה"! מ'זאגט טאקע "מנוחה ושמחה" - פלעגט מען זאגן - דאס איז אן "אור ליהודים", דאס איז דעם רבי'נס נאמען, מיט'ן טאט'נס נאמען ('מנוחה' יש בו אותיות 'נחמן'), און דאס איז א "אור ליהודים", דאס איז א אור פאר אידן! דאס איז א מנוחה פאר יעדן איינעם!

---

[ה] עי' שיח שרפי קודש ב' רצ"ז.

ועי' לקוטי הלכות הל' ברכת הריח וברכת הודאה ד' אות כ"ג; ...וּכְמוֹ כֵן בְּכָל דּוֹר וָדוֹר אִי אֶפְשָׁר לְהָבִין מִפְּנֵי מָה זָכוּ אֵלּוּ לְהִתְקָרֵב לְהַצַּדִּיק הָאֱמֶת יוֹתֵר מִשְּׁאָר אֲנָשִׁים, כִּי כָּל זֶה הוּא בְּחִינַת סְגֻלָּה שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְהָבִין כְּלָל וכו'...

[ו] ברכות ל"ה ע"א.

[ז] עפ"י מלכים-א' ח' נ"ו, ובזמר כל מקדש לליל שבת קודש.

[ח] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ל"ה אות ד'.

אריינעמען דעם הייליגן רבי'ן צו זיך, מיט זיינע עצות מיט זיינע דיבורים - וועט עס זיין א "מנוחת הנפש", א "נייחת הנפש"!

נאר וואס דען, דעם אור דארף מען אבער זוכן! דער אור איז נעלם!! אונזערע לייט פלעגן זאגן; "אז איינער, מ'זאגט איהם אויס א סוד, איז דאס אויס סוד! דא איז אנדערש - מען האט אונז דעם סוד אויסגעזאגט, און ס'איז ווידער א סוד"!!![ט] דער רבי איז ווידער נעלם! מ'דארף איהם זוכן!

אזוי ווי כביכול למעלה - לגבי דעם אויבערשטן זאגט מען 'בקשו פניו תמיד', וואס די צדיקים האבן מער געזוכט אלקותו, האבן זיי מער געפונען! דאס אייגענע איז ביים אמת'ן צדיק אויך[י], מען דארף איהם זוכן! און מיט וואס זוכט מען איהם - האט ער אויך צוגעגרייט מיט וואס מ'זאל איהם זוכן - ער האט צוגעגרייט הייליגע ספרים, מיט הייליגע עצות, וואס דערמיט זוכט מען איהם, און וואס מ'זוכט מער געפונט מען מערער! געפונט מען מערער!!![יא]

* * *

## "דיבורים חמים כגחלי אש"

דער רבי האט געזאגט אזוי צו ר' נתן'ען; "דיין שווער איז א צדיק"![יב] אויף רבי דוד צבי'ן[יג]!

---

[ט] עי' שיח שרפי קודש ב' נ"ד.

[י] עי' ליקוטי הלכות הל' ברכת הריח וברכת הודאה ד' אות מ"ו; ... וְזֶהוּ, בַּקְּשׁוּ פָנָיו תָּמִיד. 'פָּנָיו' הֵם הַצַּדִּיקִים שֶׁנִּקְרָאִים אַנְפֵּי שְׁכִינְתָּא כַּמּוּבָא בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ, וּכְמוֹ שֶׁשָּׁמַעְתִּי זֶה מִפִּי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, הַיְנוּ שֶׁצְּרִיכִין לְחַפֵּשׂ וּלְבַקֵּשׁ פְּנֵי ה' שֶׁהֵם הַצַּדִּיקִים, צְרִיכִין לְחַפְּשָׂם וּלְבַקְּשָׁם תָּמִיד עַד שֶׁיִּזְכֶּה לְמָצְאָם לְהִתְקָרֵב לָהֶם, כִּי עִקַּר הָאֱמוּנָה וְהַהִתְקָרְבוּת לַה' יִתְבָּרַךְ תָּלוּי בָּהֶם כַּנַּ"ל...

[יא] עי' ליקוטי הלכות הל' שלוחין ה' בארוכה, ושם באות ו' ; ... עַל כֵּן צְרִיכִין תָּמִיד לְחַפֵּשׂ וּלְבַקֵּשׁ הַרְבֵּה אַחֲרֵי הַצַּדִּיק הָאֱמֶת שֶׁיֵּשׁ לוֹ בְּחִינַת רוּחַ הַקֹּדֶשׁ הַנַּ"ל, כִּי בְּוַדַּאי אֵין הַחִפּוּשׂ וְהַבַּקָּשָׁה אַחֲרֵי גּוּף הַגַּשְׁמִי שֶׁל הַצַּדִּיק כִּי אִם אַחֲרֵי רוּחַ הַקֹּדֶשׁ שֶׁלּוֹ שֶׁעַל יְדֵי זֶה עִקַּר בֵּרוּר הַמְדַמֶּה, שֶׁזֶּה תִּקּוּנוֹ, וְזֶה צְרִיכִין לְחַפֵּשׂ וּלְבַקֵּשׁ תָּמִיד ... וְאִם כְּבָר נִדְמֶה לוֹ שֶׁמָּצָא אֶת הַצַּדִּיק הָאֱמֶת, בְּוַדַּאי זֶה צָרִיךְ לְבַקֵּשׁ וּלְחַפֵּשׂ עוֹד יוֹתֵר וְיוֹתֵר, כִּי יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁהוּא יוֹשֵׁב אֵצֶל הַצַּדִּיק וַעֲדַיִן אוֹרוֹ חָשׁוּךְ אֶצְלוֹ וְאֵינוֹ מַרְגִּישׁ נְעִימוּת אֲמִתַּת עֲצוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים וְכוּ' ... וְלָזֶה צְרִיכִין יְגִיעָה גְּדוֹלָה וְחִפּוּשׂ הַרְבֵּה עַד שֶׁיִּמְצָא, וְאִם יְחַפֵּשׂ בֶּאֱמֶת בְּוַדַּאי יִמְצָא ...

[יב] עי' אבני"ה ברזל אות א', ושיח שרפי קודש ב' רנ"ו.

האט רבי נתן געזאגט; וואס איז דער חילוק פון מיין שווער ביז אנדערע צדיקים? - האט ער געגעבן א משל - אז מ'מאכט דארטן א מין "קניזש" - א מין געפולאכץ דארטן, מעהל מיט ראזשינקעס מיט צוקער מיט אלע מיני גוטע זאכן - אז דער קניזש איז "קאלט" האט ער נישט דעם טעם און דעם געשמאקייט ווי ווען דער קניזש איז "ווארעם" - אז ער איז "פריש"! דאס איז דער חילוק פון דעם רבי'נס זאך ביז מיין שווער! מיין שווער - זאגט ער - ער טוט אלסדינג, ער האט אלעס, ער האט אלע מאכלים, וואס ס'איז דא אין דעם קניזש איז דא אין איהם, אבער עס איז "קאלט"! דעם רבי'נס - האט ער געזאגט - עס איז "ווארעם"! עס איז "פריש"!![יד]

אינגאנצן דעם רבי'נס זאך איז נאר געווען אז די זאך זאל זיין "פריש", ס'זאל זיין "ווארעם"!

*

נאר וואס דען, מיר רעדן דא, באמת וואלטן מיר גענדארפט - תמיד ווען מען רעדט צום אויבערשטן, רעדן צום אויבערשטן "ווארעמע דיבורים", "הייסע דיבורים", אונזער ציל איז נאר "דיבורים חמים כגחלי אש"! נאר מיר האבן דאך נישט די דיבורים חמים, און אונזער ציל איז דאך נאר דיבורים חמים, זאגט דער רבי אין א תורה[טו]; דער מענטש - אז ער רעדט אסאך פאר'ן אויבערשטן דיבורים, און למעלה ווייסט מען אז ער דארף האבן דיבורים חמים, ווערט "נכמרו רחמיו", און מ'איז ממשיך אויף איהם דיבורים! שענקט מען איהם דיבורים חמים!

נאר ווער ווער? נאר וועמען שענקט דער אויבערשטער מתנות? פאר וועמען שענקט ער? אז ער האלט אין איין רעדן, ער רעדט צום אויבערשטן דיבורים, און למעלה ווייסט מען אז ער דארף האבן דיבורים חמים, דעמאלטס שענקט מען איהם א מתנה - שענקט מען איהם א מתנה "דיבורים חמים"! אזוי (סתם), שענקט מען נישט קיין מתנות!!

*

---

[יג] ה"ה הגאון המפורסם רבי דוד צבי אויערבאך זצ"ל, שהיה מכונה ע"י בני דורו "דער גרויסער ר' דוד צבי", רב ואב"ד המחוזות שאריגראד, קרעמיניץ, מאהילוב ועוד, ועי' קצת מגדולתו באבני"ה ברזל שם.

[יד] עי' אבני"ה ברזל שם, ושיח שרפי קודש א' תרי"א.

[טו] תו' כ' אות ב', ועי' היטב בליקוטי הלכות הל' גזילה ה' אות כ"ג וכ"ד, ובעלים לתרופה מכתב שע"ו.

רבי נתן האט א זאג געגעבן אזוי; "די וועלט קער זיך צו פארוואונדערן אויף מיר, ווי האב איך גענומען אזויפיל צייט?! [- ר' נתן האט זייער אסאך געשריבן, ס'איז געווען אפגעשריבן פון ר' נתן אסאך מער, אסאך פיל מערער וויפיל מ'האט שוין אפגעדרוקט, און ר' נתן האט (אויך) זייער אסאך גערעדט מיט מענטשן, און ער איז (אויך) געווען אן עובד השם, ער האט געדינט דעם אויבערשטער זייער] - פון ווי האב איך גענומען אזויפיל צייט? - האט ער געזאגט אזוי - די וועלט זאגט אויפ'ן ש"ך אז ער האט געהאט "השבעת הקולמוס", ער האט באשוואוירן די פען, און די פען אליין האט געשריבן, איך האב נישט קיין "השבעת הקולמוס", נאר וואס דען - איך האב געהיט די צייט![טז]

פלעגן אונזערע לייט זאגן; אז די קשיא איז דאך ווייטער א קשיא, פון ווי האט ר' נתן געהאט אזויפיל צייט? אפילו ער האט געהיט די צייט, אבער אזויפיל צייט? אזויפיל טוהן?! פלעגן אונזערע לייט זאגן; "אז מען היט די צייט, שענקט דער אויבערשטער א ברכה, אז ס'איז דא א ברכה אין די צייט"!! אמאל קען מען זיצן ביי א זאך און ס'איז מיר שווער, (אבער) אז איך האב א ברכה, איז דאס מיר לעכטיג!

נאר ווען שענקט מען מיר א ברכה אין די צייט? אז איך היט די צייט! איך בַּטל נישט די צייט! איז אז מ'זעהט פארט (אין הימל) אז די צייט ביי איהם איז נישט מספיק - שענקט מען איהם א ברכה!

*

דאס אייגענע וואס מען האט פריער אויך גערעדט - קעגן "דיבורים חמים כגחלי אש", מיר דארפן זיך מרגיל זיין פאלגן דעם רבי'ן און רעדן צום אויבערשטן דיבורים, אלע טאג האבן א קביעות רעדן צום אויבערשטן "כל לבו", נישט נאר - א מענטש האט זיך דארטן זיינע אויסגעשטעלטע דיבורים, פון "חצות" און "התבודדות", (נאר) א מענטש דארף אלסדינג דערציילן השי"ת! (אז) ער שטעלט זיך דאווענען און עס דאווענט זיך נישט, אין די ברכה איז געווען דארטן א מחשבה

[טז] מענין זריזותו הנפלאה של מוהרנ"ת ז"ל, עי' פרפראות לחכמה תו' ס"ג אות ז' עה"פ לך אל נמלה עצל וכו', ועי' גם מתואר בארוכה בהקדמת עלים לתרופה, עיי"ש.

(זרה), דארף ער אלסדינג דערציילן פאר השי"ת - "כל לבו"! דאס איז דער אמת'ער התבודדות! "כל לבו" זאל ער אויסרעדן פאר השי"ת![יז]

אז איינער האט געדארפט האבן "דיבורים חמים", און ער האט דאס נישט, אבער אז ער איז אן "עקשן", ער האלט אין איין רעדן צום אויבערשטן, שענקט מען איהם "דיבורים חמים", שענקט מען איהם א מתנה!

אין יעדע זאך איז אזוי, אז דער מענטש טוהט "מה שמוטל עליו", נאר ס'איז נישט מספיק, שענקט מען איהם א מתנה פון אויבן!

* * *

## זוכן דעם 'שפאלטעלע'...

מיר ווען אביסל רעדן פון די מעשה פונעם "בעל תפילה" - - בשעת רבי נתן האט אפגעדרוקט דעם "לקוטי תפילות", [נישט אינגאנצן נאר אביסל], האבן אונזערע לייט געזאגט; "רבי נתן, איר קערט זיין דער בעל תפלה"! האט ער געזאגט; "ניין, דער בעל תפילה איז דער 'רבי'! אויב איך בין פון דער מלך'ס לייט, בין איך דער 'מליץ'!"[יח] - - האט ר' נתן געזאגט אויפן רבי'ן אז דער רבי איז דער בעל תפילה!!

וואס איז די ענין פון תפילה? 'תפילה' איז א מין בענקעניץ, א דביקות צום אויבערשטן![יט]

עס שטייט אין זוהר הקדוש, אין 'משפטים', דארט ביי רב ייבא סבא[כ], זאגט ער אזוי; אז ס'איז דא א 'רחימא דקודשא ברוך הוא', א 'אוהב' פונעם אויבערשטן, ער

---

[יז] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' כ"ה ד"ה ההתבודדות הוא מעלה עליונה וגדולה מן הכל; ... וְאֶת כָּל אֲשֶׁר עִם לְבָבוֹ יָשִׂיחַ וִיסַפֵּר לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ, הֵן חֲרָטָה וּתְשׁוּבָה עַל הֶעָבָר, וְהֵן בַּקָּשַׁת תַּחֲנוּנִים לִזְכּוֹת לְהִתְקָרֵב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ מֵהַיּוֹם וּלְהַלְאָה בֶּאֱמֶת, וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה כָּל חַד לְפוּם דַּרְגֵּהּ...

[יח] עפ"י המסופר במעשה של הבעל תפלה (מעשה י"ב), ורצ"ל; כי הוא יכול להליץ בעד האדם וללמד זכות עליו אף אם עבר שמונה מאות פעמים על כל התורה כולה! עי' שיח שרפי קודש ב' תקצ"א, עיי"ש.

[יט] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' פ"ד; דַּע, שֶׁעִקַּר הִתְחַבְּרוּת וּדְבֵקוּת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הוּא עַל יְדֵי הַתְּפִלָּה. כִּי הַתְּפִלָּה הוּא שַׁעַר, שֶׁדֶּרֶךְ שָׁם נִכְנָסִין לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וּמִשָּׁם אִשְׁתְּמוֹדְעִין לֵהּ ... וּתְפִלָּה לְשׁוֹן הִתְחַבְּרוּת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בְּרֵאשִׁית ל): "נַפְתּוּלֵי אֱלֹקִים נִפְתַּלְתִּי", תַּרְגּוּמוֹ: 'לְשׁוֹן הִתְחַבְּרוּת'...

[כ] עי' פרשת משפטים (חלק ב') דף צ"ט ע"א; מתל למה הדבר דומה לרחימתא וכו'.

האט ליב דעם אויבערשטן, און דער אוהב איז אזוי 'אדוק' אין השם יתברך, און השם יתברך איז 'אדוק' אזוי אין איהם, אז ער קען זיך נישט אפטיילען,ביידע, זיי קענען זיך נישט אפטיילן! דערוייל איז געווארן א מחיצה, אז דער 'אוהב' קען נישט קומען צום מלך, ער קען נישט קומען צום מלך, טראכט ער; ווי קען דאס זיין אז דער מלך זאל פארשטעלן דאס וועג פאר מיר? איך זאל נישט האבן קיין שום דורכגאנג?! איך ווייס דאך אז דער מלך האלט אין איין בענקען צו מיר, מיין חיות איז דאך נאר דער מלך! ווי קען זיין?! נאר עס מוז זיין אז אוודאי איז דארטן דא עפעס א שפאלטל, נאר איך דארף זוכן דאס שפאלטל!!

עס קען נישט זיין - דאס איז ביי מיר א וודאי - דאס קען נישט זיין אז דער מלך זאל מאכן אזא מין מחיצה פאר מיר אז איך זאל גארנישט קענען רעדן צו איהם! דאס קען נישט זיין!

נו, אזוי ווי איך דארף רעדן צום אויבערשטן וויל דער אויבערשטער איך זאל רעדן צו איהם, איז דארטן דא א סדק, א שפאלטעלע! אזוי שטארק דארפן מיר זוכן - דארפן מיר אויך וויסן; "השם יתברך וויל אונז", "דער אויבערשטער וויל דיר הערן"! אפילו עס מאכט זיך אז ס'רעדט זיך נישט, דארף איך וויסן אז עפעס א 'סדק' איז דא - דעם 'סדק' דארף איך זוכן! אז מ'וועט זוכן וועט מען געפונען!!!

*

דער "בעל תפילה" דאס איז דעם רבי'נס זאך! ער האט אונז מודיע געווען דאס התחזקות פון תפלה, אז מ'זאל זיין אזוי שטארק, אז מ'זאל זיך נישט מיאש זיין פון תפילה! און אויך מיט דעם זאך וואס מ'זאגט דא פון רב ייבא סבא - "ווייל א שפאלטעלע איז דא"! דער אויבערשטער פארמאכט נישט דער וועג פאר מיר אז איך זאל נישט האבן קיין שום סדק!!

*

# די 'גן עדן' אויף דער וועלט...!

רבי נתן ברענגט אין די הלכה פון הלכות תולעים (הלכה ד) אויף די מעשה פון די ז' בעטלערס; "סוד מעשה זו נעלם מכל העולמות", ס'איז א געוואלדיגע לשון. דער רבי האט געזאגט "אז איך זעה אז מיינע תורות העלפן נישט וועל איך אנהייבן צו

דערציילן מעשיות"![כא] - פונדעסטוועגן, האט דער רבי געגעבן אונז רשות אז מ'מעג זאגן עפעס א רמז אויך[כב].

נאר וואס דען - נאר א תנאי - "דו זאלסט נישט טשעפענען קיין סעיף קטן פון שלחן ערוך"![כג] דאס האט דער רבי געוואלט, ווייטער מעגט איר זאגן עפעס א רמז, אפילו אהן רוח הקודש![כד] אז מ'מעג, מעג מען זאגן.

*

אין די מעשה (מבעל תפילה) דערציילט דער רבי דארטן, ווי ס'איז געווען דער מלך מיט זיינע לייט, זיינע לייט זענען אוועק געגאנגען באנייען זייערע כוחות, איז געווארן א "רוח סערה", און ער איז אריין צום מלך'ס שטוב, און ארויסגעכאפט דאס טייער קינד.

אונזערע לייט פלעגן זייער אסאך רעדן; ווער זענען געווען די מלך'ס לייט? גרויסע מענטשן, גדולים, צדיקים געוואלדיגע! זיי זענען געפארן באנייען זייערע כוחות, ווארום דעם רבי'נס זאך איז געווען התחדשות! דאס ווייסט מען, דער רבי האט פיינט געהאט "אלט"![כה]

יעדע דיבור פונעם רבי'ן איז נישט שייך - אז דער רבי רעדט נאר פאר די גדולים, (נאר) "מקטן ועד גדול"![כו] דער רבי רעדט פון 'התבודדות' זאגט ער בפירוש "מקטנים ועד גדולים"![כז] וואס דער רבי רעדט א זאך, רעדט ער דאס פאר די "קלענסטע פון די קלענסטע"!

---

[כא] הקדמת ספר סיפורי מעשיות (הקדמה א').

[כב] בלקוטי הלכות הל' תולעים ד' אות ב'; וְסוֹד מַעֲשֶׂה זוֹ נֶעְלָם מִכָּל הָעוֹלָמוֹת, אַךְ אַף עַל פִּי כֵן יֵשׁ לָנוּ רְשׁוּת לְכָל אֶחָד וְאֶחָד לְחַפֵּשׂ וּלְבַקֵּשׁ בָּהּ אֵיזֶה רְמָזִים מַה שֶּׁנּוּכַל לִמְצֹא כַּאֲשֶׁר הֵבַנְתִּי מִדְּבָרָיו הַנַּ"ל.

[כג] עי' שיחות הר"ן אות רס"ז, ובלקוטי הלכות הל' בכור בהמה טהורה ג' אות ט'.

[כד] עי' כוכבי אור - שיחות וסיפורים אות מ"ג, ועי' גם לקו"מ תניינא אות ק"ה.

[כה] עי' שיחות הר"ן אות נ"א, ובלקוטי הלכות הל' ספר תורה ד' אות כ"א.

[כו] שיחות הר"ן אות קל"א, ובהקדמת ליקוטי מוהר"ן.

[כז] ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' כ"ה.

דער רבי רעדט פון דער ענין פון "חצות", דאס איז "הארת הרצון"![כח] אדרבה, ווייל מיר זענען אזוי ווייט, דארפן מיר אוודאי האבן א זמן פון "הארת הרצון", וואס דער זמן איז מער רצון, מער "עת רצון"!

אז ס'גייט איצטער די הייליגע נעכט - האט ער געזאגט רבי פנחס קאריצ'ער; "אט גייט די גילדענע נעכט"![כט] נאך סוכות הייבט זיך אן "די גילדענע נעכט", ווי איז דא גרעסערס?!

עס איז דא איינער - א טאטע האט געשריבן א בריוו צום זוהן [איך האב געזעהן דעם בריוו], האט ער איהם געשריבן; אז דו וועסט אויפשטיין חצות, און דו וועסט לערנען א תורה אין לקוטי מוהר"ן, און דו וועסט האבן התבודדות, איז "עולמך תראה בחייך"! האסטו דעם גן עדן אויף דער וועלט![ל]

אט דאס איז די גן עדן! א גרעסערן טעם איז נישט דא אויף דעם וועלט! אז דער אויבערשטער העלפט, אז מ'שטייט אויף 'חצות', און מ'רעדט זיך אוים פאר השי"ת, איז דאך ממש - מ'האט דאך דא דעם 'גן עדן'!!

* * *

# באנייען די כחות...

"זענען זיי אוועק געפארן באנייען זיך דעם כח" (שם בהמעשה מבעל תפילה), באנייען דעם כח איז שייך ביי זיי, און ביי אונז איז אויך שייך די דאזיגע - יעדער האט דאך אין זיך עפעס א כח, עפעס האב איך אין זיך א כח, אבער איך באניי איהם נישט - מיין כח!

דער אויבערשטער האט דא אונז אראפגעשיקט מיט א יצר הרע, (קען דען זיין אז מיר זאלן נישט האבן דעם כח צו גיין קעגן איהם?! דאס קען נישט זיין אין דער

[כח] עי' ליקוטי הלכות ברכת השחר ה' אות א' - ד', ועפ"י מש"כ בליקוטי מוהר"ן תו' קמ"ט.

[כט] עי' שיח שרפי קודש ג' תרכ"ד.

[ל] בשיח שרפי קודש ה' רס"ט מובא שזה היה רבי אייזיק קראסינשטיין ז"ל מאנ"ש באומאן שכתב כן במכתב לבנו ר' הירש לייב ז"ל.

וועלט! השי"ת קומט נישט "בטרוניא עם בריותיו"! אין אונז איז דא א כח וואס מיר קענן שטיין קעגן איהם![לא]

נאר וואס דען, מיר באנייען זיך נישט!! ער (דער יצר הרע) באנייעט זיך אלע טאג - ער באנייעט זיך אלע רגע קעגן יעדן איינעם, און מיר באנייען זיך נישט![לב]

דערציילט דער רבי, אז דער מלך'ס לייט, אזעלכע גדולים, זענען אוועקגעפארן באנייען זיך זייערע כוחות! דאס איז א געוואלדיגע מוסר השכל - אז מיר דארפן זעהן באנייען זיך אלע טאג!!

*

דער רבי רעדט וועגן די "דריי נקודות"[לג], דאס געבט א התחדשות אין אלע ענינים, איין נקודה - זאגט דער רבי דארטן - פונעם "צדיק"! א נקודה פונעם צדיק - לערנען זיינע הייליגע ספרים, מקיים זיין זיינע הייליגע עצות!

און א נקודה פון "מניה וביה" - "אין מיר אליין"! זאגט דער רבי דארטן אין תורה ל"ד - אז אין מיר איז דא א נקודה וואס הייסט "צדיק", וואס דארטן איז "שורה אהבה הקדושה"! אזוי זאגט דער רבי דארט - אין מיר איז דא א נקודה, וואס דער נקודה הייסט צדיק! נאר ס'איז אזוי פארדעקט - "איך וויים אליין נישט פון זיך", "איך וויים גארנישט וואס אין מיר איז דא"!

(איך דארף) באנייען מיין נקודה וואס הייסט "צדיק", וואס דארטן איז נישט געווען קיין "שבירה" - דער רבי זאגט דארטן אין די תורה, אז די שבירה איז געווען דארטן (בלב, בחינת "בינה"), אבער ביי "יסוד" איז נישט געווען קיין שבירה!

---

[לא] עי' באורך בליקוטי הלכות ברכות הריח ד' אות א', ובעוד מקומות.

[לב] עי' מזה בלקוטי הלכות הל' שחיטה ד' אות ג', והוא עפ"י גמ' קידושין דף ל' ע"ב; יצרו של אדם מתחדש עליו בכל יום וכו'.

[לג] ליקוטי מוהר"ן תו' ל"ד, וז"ל שם (באות ח'); ... וְכָל הַנְּקֻדּוֹת הַלָּלוּ, הַיְנוּ הַנְּקֻדָּה הַנִּקְרָא "פִּי יְדַבֵּר חָכְמוֹת", וְגַם הַנְּקֻדָּה שֶׁיֵּשׁ בְּכָל אֶחָד מַה שֶּׁאֵין בַּחֲבֵרוֹ. הֵם עֲנָפִים לְהַצַּדִּיק, שֶׁהוּא נְקֻדָּה כְּלָלִיּוּת שֶׁל כָּל יִשְׂרָאֵל. שֶׁהַכֹּל צְרִיכִין לְקַבֵּל מִתְּחִלָּה מֵהַצַּדִּיק, וְאַחַר כָּךְ יְקַבְּלוּ דֵּין מִן דֵּין, וְכָל אֶחָד יְקַבֵּל מִנֵּהּ וּבֵהּ. וְעַל יְדֵי שְׁלֹשָׁה בְּחִינוֹת אֵלּוּ, נִתְבַּטֵּל הַחֲרָפוֹת, הַיְנוּ עָרְלַת לֵב, הַיְנוּ אַהֲבוֹת רָעוֹת. וְזֶהוּ: "עַל כָּל פְּשָׁעִים תְּכַסֶּה אַהֲבָה", כִּי שָׁם שׁוֹרָה אַהֲבָה הַקְּדוֹשָׁה...

דאס איז א גרויסע התחזקות, אז דער מענטש זאל וויסן - כאטש אז ער ווערט דאך צובראכן, אבער א "נקודה" וואס ס'איז דא אין מיר, די "נקודה" וואס ס'איז דא אין מיר, דארטן איז נישט דא קיין שבירה! דארטן בין איך נאך א "בחינת צדיק", און דארטן איז שורה אהבה הקדושה! נאר ס'איז פארדעקט, איך ווייס גארנישט פון מיינע כוחות!!

*

לעתיד וועט דאס זיין א געוואלדיגע בושה! עס וועט זיין אזא בושה! מען וועט איהם זאגן; 'נאַר' - זעה וואספארא כוחות דו האסט געהאט, וואספארא כוחות דו האסט געהאט, פארוואס האסטו דיינע כוחות נישט אויסגענוצט?! ער (היצר הרע) איז געגאנגען קעגן דיר מיט "אלע כוחות", און דו האסט גארנישט געטוהן קיין כוחות!

*

# "רוח סערה הגדול בשעתו"

דערציילט דער רבי דארטן, די מלך'ס לייט, געוואלדיגע מענטשן געווען, געוואלדיגע צדיקים נוראים פון די דורות - דערציילט דער רבי - אז זיי זענען אוועקגעגאנגען באנייען זיך די כוחות, איז געווארן א "רוח סערה"!

ווארום אז מ'וויל זיך באנייען, זאל מען וויסן אז דער יצר הרע וועט נישט שווייגן, ס'איז א גמרא[לד] - ער לאזט אפ די גאנצע וועלט און ער נעמט זיך נאר צו אידן - ער נעמט זיך נאר צו די תלמידי חכמים, נאר צו אידן וואס זיי ווילן זיך באנייען אין יודישקייט - צו זיי נעמט ער זיך! איז באלד געווארן א רוח סערה, איז שוין געווארן א "רוח סערה".

*

דער רבי רעדט אין די ערשטע מעשה פון די ז' בעטלערס (מעשה י"ג), רעדט דער רבי דארטן, אז די מלך האט איבערגעגעבן די מלוכה דעם זוהן בחייו, און ער האט

[לד] מס' סוכה דף נ"ב ע"א.

איהם געזאגט; איך בין א שטערן זעהער, זעה איך אז דו וועסט אמאל אראפגיין פון די מלוכה!

פארוואס האט ער איהם געדארפט זאגן אז ער וועט אראפגיין פון די מלוכה? אז ער איז אזוי פריילִיך - דער זוהן - ער נעמט איבער דער מלוכה, עס איז געווען דארטן א באל מיט א שמחה, וואס דארף ער איהם שוין דערציילן א מעשה אז ער וועט אמאל אראפגיין פון די מלוכה?

נאר אזוי איז דאס - די מלוכה האט נישט קיין "שלימות", סיידן אז איך וויים - אז אפילו איך בין אראפ פון די מלוכה זאל איך מיר אויך האלטן! אז נישט - האט נישט די מלוכה קיין שלימות! דאס הייסט נישט קיין מלך! דער מלך דארף דאס וויסן, אז ווען איז ער א מלך - אז אין אלע צייטן זאל ער האלטן דאס מלכות!

דאס אייגענע איז ביי יעדן איינעם אויך, עס איז דא צייטן ביי דעם מענטש, ער דאווענט, ער האט שיעורים קבועים, אבער אין א צייט וואס ס'דאווענט זיך נישט, ס'לערנט זיך נישט, זאל ער זיך האלטן! זאל מען זיך האלטן און נישט אראפפאלן ביי זיך! און האלטן זיך - אז דער אויבערשטער וויל מיך איצטער אויך!!

אזוי מוז עס זיין, עס מוז אזוי גיין - אז איך וויל זיך באנייען דעם כח, איז שוין דא אקעגן א "רוח סערה", דער רוח סערה לאזט נישט! אבער דער "רוח סערה" איז נאר "גדול בשעתו"![לה] מיינען מיינט ער אז דער רוח סערה איז עפעס א אייביגע זאך, ניין - ער איז נאר "גדול בשעתו" - איז דער "רוח סערה"!

בפרט אז מיר האבן דעם הייליגן רבי'ן, אז מ'וויל זיך באנייען די כוחות - איז דא דער כח פונעם רבי'ן איז דא!

*

# "עשיתי מה שמוטל עלי - עשה מה שעליך"!

דער רבי האט געזאגט מיט דעם לשון; "איר גיבט מיר נאר וואפנע מיט ציגל, **און איך וועל שוין בויען דערפון 'בנינים'!"[לו]**

---

[לה] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ח'.

[לו] חיי מוהר"ן אות רצ"ג.

דאס איז א געוואלדיגע התחזקות, א "מנהיג הרחמן"[לז], אזא "רחמן" איז דאס, איך וויל נישט פון אייך - גיבט מיר נאר "וואפנע מיט ציגל", דאס הייסט גיבט מיר "עבודות"; "דאוועגט", "לערנט", און איך וועל שוין בויען "בנינים"!

ס'איז א געוואלדיגע (התחזקות), א מענטש אז ער טוט עפעס, קען ער מאכן א בנין דערפון? די בנינים בויעט אונז דער רבי! ער בויעט די בנינים! ער וויל נאר - גיבט מיר עפעס, גיבט מיר, טוהט "מה שמוטל עליכם"! וועלן מיר קענען זאגן; "עשיתי מה שמוטל עלי"![לח]

מיר האבן דעם הייליגן רבי'ן, אזא מין רחמן, און ער זאגט אונז; איך וויל נישט פון אייך - נאר איר זאלט מיר געבן "חומר ולבנים", גיבט מיר וואפנע מיט ציגל, דאס הייסט - תורה תפילה ומעשים טובים, טוהט'ס, שלאפט נישט!

*

עס איז דא א קליין תורה'לע אין ליקוטי מוהר"ן[לט], זאגט דער רבי דארטן, אז איינער שרייעט צום אויבערשטן, זאגט מען איהם "ליסע" - פאָר! "מה תצעק אלי, דבר אל בני ישראל ויסעו"!

וואס איז פשט דארטן? נאר פשט איז אזוי, ס'קומט אמאל פאר, א מענטש אז ער שרייעט צום אויבערשטן, שטעלט ער זיך אפ, ער שטעלט זיך אפ פון אידישקייט, זאגט מען איהם; גיי, שטעל זיך נישט אפ, גיי ווייטער, דו גיי, פאָר, גיי, מאך נישט קיין חשבונות, אויבן וועט מען מאכן חשבונות!

בפרט אז מיר האבן אזא הייליגן רבי'ן, וואס ער זאגט "אז ער בויעט בנינים", איז אוודאי דאס נישט אונזער עצה (זיך אפצושטעלן פון עבודת השם), מיר דארפן נאר זעהן מרבה זיין - "היטן די צייט"! קיין גרעסערע פארמעג איז נישטא אין דער וועלט ווי דער "צייט", און אז מ'בַטל'ט די צייט איז קיין גרעסערע 'הפסד' נישט דא! די גרעסטע 'הפסד' וואס איך קען אָנמאַכן איז "בַטל'ען"!

---

[לז] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא ריש תו' ז' "כי מרחמם ינהגם".

[לח] עפ"י הלשון בהתפלה שלאחר סדר תיקון הכללי "והנה עשיתי מה שמוטל עלי, עשה מה שעליך".

[לט] תו' קצ"ח.

די הייליגע משנה אין 'אבות'[מ], [איך וועל נאכאמאל איבער'חזר'ן די משנה], אז ס'זיצן צוויי מענטשן און זיי רעדן נישט קיין תורה, איז דאס א "מושב לצים"! - ס'איז א הלכה דא, אז מען דארף זיך אפרוקען "פיר איילן" פון א מושב לצים![מא] אבער אז צוויי מענטשן זיצן און רעדן יא אין תורה, איז די שכינה צווישן זיי! ווער שמועסט נאך אז מ'רעדט נאך דארטן פונעם "תכלית", אז די צוויי מענטשן רעדן פונעם תכלית, איז דאך בוודאי - ווי איז א העכערע זאך - "שכינה שרויה ביניהם"!

*

תמיד דארף מען געדענקען דאס גרויסקייט פונעם הייליגן רבי'ן, וואס ער האט געזאגט; "איך בויע בנינים - גיבט מיר נאר וואפנע מיט ציגל"!

*

# "גאר מיין זאך איז תפלה"!

אין די מעשה (מהבעל תפלה) דערציילט דער רבי, אז ס'איז געווארן דער רוח סערה - איז געווארן "כיתות", און יעדע כיתה האט געטראכט אויפ'ן תכלית, און יעדער איינער האט געזאגט "דאס איז דער תכלית", "דאס איז דער תכלית", יעדער האט געהאט א פארדרייטן תכלית!

אבער די לשון פונעם רבי'ן איז, אז זיי האבן "געזוכט" דעם תכלית! אפילו די וואס האבן געוואלט "חכמה" - זאגט דער רבי איז אויך געווען "חכמות חיצוניות" - רעכנט דער רבי אויס דארט אסאך כיתות, וואס זיי האבן געהאט זייער שלעכטע מדות, וואס דאס איז געווען ביי זיי דער תכלית.

צום סוף פירט דער רבי אויס - נאכדעם איז געווען א כיתה פון "תפילה", "א כיתה פון תפילה"! פארשטייט מען שוין אליין - זאגט דער רבי - אז די אלע כיתות זענען געווען אלע אין א טעות, די עיקר איז געווען טאקע די כיתה וואס זיי האבן עוסק געווען אין "תפילה"!

---

[מ] פ"ג משנה ב'.

[מא] (עי' בגמ' פסחים דף קי"ב ע"ב; אל תדור בשכנציב משום דליצני הוו ומשכו לך בליצנותא).

פלעגן אונזערע לייט זאגן אז די ״תפלה״ פאררעכט די אלע כיתות פון פריער! פריער רעכענט ער אוים דארטן אלע שלעכטע מידות, ס׳איז א געוואלד וואס ער רעכענט אוים דארטן, די אלע ביטערע מידות וואס ער רעכענט דארט אוים, אבער די אונטערשטע כיתה פון תפילה פאררעכט אלע מדות!

*

זאגט דער רבי, אז די אלע גרויסע לייט פונעם מלך, וואס זיי זענען געווארן פארשפרייט דורכ׳ן רוח סערה, צום סוף איז יעדער איינער געווארן א מלך, די אלע שלעכטע כיתות האבן געמאכט יעדן איינעם פאר א מלך.

די כיתות האבן געהאט אין זיך א גוטע מדה, כאטש זיי זענען געווען אזוי פארפירט, דאס איז געווען א גוטע מידה געווען, אז טאמער איז געווען איינער א גרעסערן פון זיי, האבן זיי איהם איבערגעגעבן די מלוכה! ס׳איז א געוואלדיגע זאך, ווי זיי זענען געליגן אין שיכרות, רחמנא ליצלן אין אנדערע זאכן, א גרעסער׳ן - גיבן זיי איהם איבער די מלוכה!

דערפאר טאקע זענען די אלע ״אנשי המלך״ געווארן מלכים, ווייל זיי האבן געזעהן (הכיתות הנ״ל) אז זיי זענען געווען גרעסער, האבן זיי איבער געגיבן (די מלוכה)! דאס איז געווען אינגאנצן דער זאך, כאטש ס׳איז געווען א רוח סערה, צום סוף זענען זיי געווארן מלכים!

פונדעסוועגן - זאגט דער רבי דארטן - אז זיי האבן געשיקט דער ״בעל תפילה״ אין יעדן לאנד, אז ער זאל זיי ארומרייניגען! זיי זענען שוין אליין געווען מלכים - די מלך׳ס לייט, און זיי האבן שוין אליין געהאט [אויפגעטון] גרויסע זאכן, האבן זיי געשיקט דעם בעל תפילה, אז ״ער״ זאל זיי ארומרייניגען!

**בשעת זיי האבן זיך אפגעזוכט, האבן זיי זיך אנגערופן; ״דאס איז דער ארבעט פון אונזער כשר׳ן בעל תפילה״!**

קומט דאך אוים פונעם רבי׳נס זאך, אז דער עיקר איז (תפלה) - דער רבי האט געזאגט; פארוואס קריגט מען אויף מיר? ווייל מיין זאך איז ״תפלה״! ״מהדברים

העומדים ברומו של עולם ובני אדם מזלזלים בהם"![מב] מיר ווייסן נישט דאס גרויסקייט פון תפילה, דער רבי האט אונז מודיע געווען!

*

עס איז ידוע, אז דער רבי'נס טאכטער שרה'קע, דער רבי איז אמאל געווען ביי איהר, האט זי עפעס א געשריי געגעבן אויף די דינסט דארטן, האט זיך אנגערופן דער רבי; "פארוואס האסטו נישט געבעטן גא-ט אין די טאג פון די חופה, אז דו וועסט האבן א דינסט, זאלסטו זיך נישט דארפן מיט איר קריגן"?![מג]

דער רבי האט איר נישט געזאגט "פארוואס קריגסטו זיך מיט איר"?! דער רבי האט אנגענומען ביי דעם שורש "פארוואס האסטו נישט געבעטן דעם אויבערשטן"!

*

אזוי האט רבי נתן געזאגט; "ווי איך זעה ערגעץ א חסרון - אדער ער האט גארנישט געהאט קיין תפילה, אדער האט ער געהאט ווינציג"! אזא לשון האט ר' נתן געזאגט - "ווי איך זעה ערגעץ א חסרון, אדער איך האב גארנישט געבעטן, אדער איך האב געבעטן ווינציג"!

*

וויבאלד אז מיר האבן שוין אזא מין רבי'ן - עס שטייט טאקע אין חיי מוהר"ן[מד] דער רבי האט געזאגט; "איידער די זאך קומט, קען מען אָן דעם, אבער אז די זאך איז שוין דא, מוז מען שוין אנקומען נאר צו דער זאך"!

אז דער רבי איז שוין געווען, און האט ארויסגעגעבן אזא וועג פון "תפילה", קען מען זיך שוין נישט ראטעווען נאר דורך תפילה!

---

[מב] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' צ"ג.

[מג] עי' שיח שרפי קודש ג' צ"ח.

[מד] אות רצ"ט.

יעדער מענטש ווייסט נגעי לבבו, זיינע שלעכטע מידות וואס ער האט אין זיך, זאל ער וויסן אז וויבאלד אז ער ווערט שוין אנגערופן אויפ'ן נאמען פונעם רבי'ן, ווענסטו בשום אופן נישט קענען פארדרייען, פארעכטן די זאך, נאר דורך תפילה!

דאס הייסט - "התבודדות", דערציילן אלסדינג, יספר לפניו "כל לבו"! דעמאלטס וועט איהם שוין נישט פעהלן וואס צו רעדן!!

אזוי - האט ער גארנישט קיין צייט וואס צו רעדן - א "שעה" - ער רעדט זיך אפ "איך האב נישט קיין דיבורים צו רעדן", ווייל עס ליגט ביי איהם "אויסגעשטעלט" - ער רעדט אלע טאג די אייניגע דיבורים, ממילא איז עס שוין א "התבודדות שאינו כראוי"![מה] "התבודדות" הייסט - אז ער זאל דערציילן וואס אויף איהם גייט איבער יעדן טאג, ביים דאווענען, און ביים שלאפן, און פאר'ן שלאפן, נאכ'ן שלאפן, דאס איז די ריכטיגע התבודדות! דאס הייסט 'כל לבו'! אויב ער וועט האבן די מדה אין זיך, וועט איהם שוין א שעה זיין ווינציג!!

דאס איז דעם רבי'נס זאך, און דערפאר - האט דער רבי געזאגט - דערפאר קריגט מען אויף מיר, ווייל דאס איז "מהדברים העומדים ברומו של עולם ובני אדם מזלזלים בהם"!

*

## פארזוכן פון די "מאכלים"...

דער רבי דערציילט דארטן (בהמעשה של הבעל תפלה), צום סוף דערציילט דער רבי, אז זיי האבן שוין געפונען דער מלך אויך, זיי האבן געפונען אלע לייט - און צום סוף האבן זיי געפונען דער מלך אויך, האט דער גיבור גערעדט צום מלך "איך האב אליין געהערט פון אייך אז ארויס נעמען פון תאות ממון קען מען נאר דורך דעם וועג פונעם שווערד", האט דער מלך געזאגט, "יא ס'איז אזוי"! און דער מלך האט איהם דערציילט דעם וועג פונעם שווערד, אז ס'איז פארהאנען א וועג, דורך די וועג קומט מען צו איין ארט וואס הייסט "קעך", און דארטן גייט א פייער, און ווייטער איז דא גוטע מאכלים, די מאכלים קאכן זיך, נאר די מאכלים זענען ווייט,

---

[מה] עי' ספר המדות ערך כעס אות ל"ה.

זיי זענען ווייט פונעם קעך, און דארט איז דא א פייער, די קעך איז ווייטער פון דער פייער.

עס קען זיך וואונדערן ווי אזוי די מאכלים ווערן געקאכט דורך דעם פייער, דער פייער איז גאר ווייט?!

- - די "מאכלים" זענען די "מצוות ומעשים טובים" און די "עצות פונעם רבין"! זיי ווערן געקאכט דורך דעם "פייער" - -

כאטש טאקע דער פייער איז ווייט, אבער ס'איז דא "צינורות ושבילים" וואס ציען זיך אונטער די ערד - עס איז ווייט - אבער דורך דעם פייער קאכט זיך די מאכלים, און די סגולה פון די מאכלים איז, אז מען פארזוכט פון דעם מאכלים, ווארפט מען שוין אוועק דעם תאוה פון געלד!

אזוי זאגט דער רבי דארטן, אזוי האבן זיי א סגולה, אז מ'ווארפט שוין אוועק - דער רבי כאפט דארטן אָן - "דער תאוה פון געלד"! אבער למעשה ווייזט דאך אויס אז דער תאוה פון געלד איז גרעסער פון אלע תאות, האט מען שוין אנדערע תאות "אוודאי" אוועק געווארפן!

די מאכלים האבן אין זיך אזא מין סגולה, אז מ'פארזוכט זיי, ווארפט מען אוועק - פארוואס ווארפן מיר נאך נישט אוועק? ווייל מיר האבן נאך נישט פארזוכט די "מאכלים", "מיר האבן נאך נישט פארזוכט די מאכלים"!!

*

עס שטייט אין זוהר הקדוש[מ] מ'זאגט עס דארטן פאר תקיעת שופר; דער אויבערשטער האט געזאגט צו יעקב'ן "עשה לי מטעמים כאשר אהבתי - מפקודין דעשה", איך וויל פארזוכן די מצוות פון א גאנץ יאר! אזוי זאגט דארטן די זוהר הקדוש, אז עס קומט ראש השנה וויל דער אויבערשטער פארזוכן די מצוות פון א גאנץ יאר!

קומט דער "עשו", ער איז דאך א גרויסער מקטרג, וויל ער רח"ל קאליע מאכן די אלע מאכלים, אז די מאכלים זענען גאר נישט קיין גוטע מאכלים - די מצוות פון א גאנץ יאר! איז רבקה וואס איז די "שכינה הקדושה" - זאגט דער זוהר הקדוש -

[מ] פרשת אמור (חלק ג') דף צ"ח ע"ב ברעיא מהימנא.

רבקה דערוועקט יעקב'ן - די "אידן"; גיי, טוה תשובה, איידער דער מקטרג וועט קומען, און ער וועט מקטרג זיין אויף די מאכלים, און ער וועט קאליע מאכן די מאכלים וואס דו ווילסט געבן דעם טאט'ן! גיי טוה תשובה, שלאף נישט!!

*

אזוי שטייט אין די הקדמה פון תיקונים[מז], אז אלע טאג קומט (די יצר הרע) - "**הבא להרגך השכם להרגו**"! זאגט די תיקונים - דאס איז די יצר הרע! ער איז "בכל יום" איז ער "הבא להרגך"! ער קומט צו גיין מיט זיינע טענות!!

אין א ארט איז דא - ווערט געבראכט - אז ער וויינט אויך![מח] ער האט טרערן אויך, ער וויינט אויך! און ער איז מקטרג אויף יעדן!

איז "השכם להרגו"! [- שטיי גאנץ פרי ועסטו איהם אוועק'הרג'ענען].

* * *

# האסטו געפאלגט דיין רבי'ן?!...

ווען מיר צוריקגיין צו וואס מיר האבן פריער גערעדט; "באנייען אונזערע כוחות", מיר האבן כוחות צו גיין אקעגן איהם (די יצר הרע)!

נאר פאלגן דעם רבי'ן - וואלטן מיר באמת געווען א איש כשר![מט]

וואס הייסט א איש כשר? א "איש כשר" איז א ענין אחר לגמרי! ס'דאכט זיך אז ער גייט ארום מיט א פעסל קישקעס, אבער ס'איז א ענין אחר לגמרי![נ] ער האט א אנדערע מח, ער האט א אנדערע הארץ, אינגאנצן א אנדערע מענטש איז ער אינגאנצן!

עס איז טאקע א געוואלדיגע בזיון, אז מיר האבן אזא מין רבי'ן - פארוואס נוצן מיר איהם נישט אויס?! ס'איז א געוואלדיגע בזיון! לעתיד וועט מען דיר פרעגן; "האסטו געפאלגט - דיין רבי'ן האסטו געפאלגט?! האסט דאך געהאט א רבי'ן וואס

[מז] דף י"א ע"א.

[מח] (אולי הכוונה על זוהר חדש במדרש רות דף צ"ח ע"א; אית דמעין דביש דיצר הרע).

[מט] עי' חיי מוהר"ן אות שנ"ד.

[נ] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' קט"ז.

ער האט געזאגט אז דו זאלסט עוסק זיין אין 'תפילה', און 'התבודדות', 'חצות', און זיין הייליגע ספר, האסטו געפאלגט דיין רבי'ן"?! ס'איז א געוואלדיגע בזיון! דארט וועט מען דאך זעהן ווער דער רבי איז!!

* * *

# לסתום עיניו מחיזו דהאי עלמא

מיר דארפן דאס איצטער וויסן, היינט איז די הילולא פונעם רבי'ן, ער איז שוין הונדערט ניין און זעכציג יאר, דארף מען וויסן - "אז דער רבי לעבט"!! מען זעהט דער רבי'נס זאך לעבט, ס'איז נישט חלילה א געשטארבענע זאך, "שאני אינון דאקרון חיים" - זאגט דער אידרא ביים אנהויב - **"לא המתים יהללו י-ה, שאני אינון דאקרון חיים"!**[נא]

דער רבי אונזער איז א לעבעדיגער, ער לעבט, און זיינע עצות לעבן! נאר וואס דען - ביי 'אונז' ווערן זיי אלט!!

*

מ'קען איבער'חזר'ן דער משל פונעם בעל שם הקדוש, דער בעל שם האט פארציילט - א משל האט ער פארציילט[נב], אז ס'איז געווען א קלעזמיר, דער קלעזמיר האט געשפילט זייער א שיינעם ניגון, און דער מלך האט געהאט זייער א געוואלדיגע חיות פון דעם ניגון - א געוואלדיגע הנאה פון דעם ניגון, האט ער איהם געהייסן אלע טאג שפילן דעם ניגון, אבער דעם קלעזמיר - ביי איהם איז געווארן דער ניגון אלט, ער שפילט איהם אלע טאג, איז געווארן ביי איהם דעם ניגון אלט, ער האט שוין נישט געשפילט דעם ניגון אזוי ווי מען דארף איהם אויסשפילן - אזוי שיין, האט עם שוין נישט דעם חן וואס ס'דארף האבן!

וואס זאל ער טוהן דער מלך - ביי דעם מלך איז דער ניגון "ניי", און ביי דעם קלעזמיר ווערט עס "אלט", האט דער מלך געמאכט באַלן, און גערופן אלעמאל א

---

[נא] ריש אידרא זוטא, בזוה"ק ח"ג דף רפ"ז ע"ב, וע' מענין זה בארוכה בלקוטי הלכות הל' גביית חוב מהיתומים ג' אות ט'.

[נב] מובא בס' אור המאיר על קהלת ד"ה ברבות הטובה, ובס' נתיב מצותיך נתיב אמונה שביל ג' אות ל', ע' בעל שם טוב עה"ת פרשת נח מאמר עמוד התפלה בהגהות מקור חיים אות מ"ב.

נייעם שר, א נייעם שר וואס ער האט נאך דעם ניגון נישט געהערט! פאר דעם שר וועט ער נאכאמאל שפילן דעם ניגון שיין!

ער האט שוין אלע שרים אריבער גערופן, איז דער ניגון ווייטער אן אלטער ביי דעם קלעזמיר, וואס זאל ער טוהן דער מלך - האט ער איהם ארויסגענומען די אויגן, און האט איהם געזאגט; היינט איז דא 'א נייע שר'!

האט 'דער בעל שם' אויסגעלאזט; "די תורה איז ביים אויבערשטן ניי, נאר ביי אונז איז דאס אלט, דארף מען ארויסנעמען די אויגן פון דער וועלט, וועט ער שפילן דעם שיינעם ניגון"!

*

וואס הייסט ארויסנעמען די אויגן פון דער וועלט? דער רבי זאגט אז מען דארף זייער היטן דעם זכרון[גג], דעם זכרון פון עלמא דאתי דארף מען זייער היטן, ס'זאל נישט זיין ח"ו בדעתו אז ס'איז נאר דא איין וועלט! זאגט דער רבי - אזוי איז ראוי ס'זאל זיין א מנהג פון יראי השם, תיכף בבוקר - ער כאפט זיך אויף - זאל ער זיך שוין דערמאנען אז ס'איז דא א עלמא דאתי, אז ס'איז דא נאך א וועלט, דאס איז די מנהג פון די יראי השם! דאס איז בכלל, און בפרט - זאל ער דעם גאנצן טאג ארומגיין אלץ מיט דעם געדאנק! (עד כאן מלקוטי מוהר"ן שם).

דאס איז דעם זאך פונעם רבין - אז דער מענטש זאל נאר טראכטן פון "עלמא דאתי"!

*

## "עינים" - על שם החכמה נאמר

עס איז דא א לשון פונעם שערי ציון; "איך האב באנארישט מיין דעת, און האב באנארישט מיין שכל".

פארוואס האב איך באנארישט - כל ימי האב איך באנארישט מיין 'שכל' - דער רבי זאגט אין תורה כ"ה, אז דער עיקר השארה פונעם מענטש בלייבט איבער נאר

---

[גג] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' נ"ד בתחלתו.

דער "שכל הנקנה"! וואס איז דער תכלית פון אלע עבודות? אלעס איז צו מאכן שענער דעם מח! האט ער א "שענערן שכל"!

אז ער קומט אהינצו, דער עיקר דארטן קוקט מען - מיט וואספארא "מוח" ביסטו געקומען? וואספארא מוח האסטו געבראכט אהערצו דא?! וואס איז דער עיקר השארה? ער קויפט זיך איין מיט א "שכל", דורך די עבודת השם וואס ער טוהט!

און דער עיקר מוח קען מען זיך נאר איינקויפן - דורך "אסאך רעדן צום אויבערשטן דיבורים", אויסנוצן דער "עת רצון" וואס דער רבי האט געזאגט - דאס ענין פון "חצות"!

אז מען לאזט נאר א טרער - וואשן זיך אוים די אויגן! אין א הלכה - ר' נתן ברענגט, קעגן בין המצרים, אז די טרערן וואשן אוים די אויגן![נד] אז די אויגן ווערן אויסגעוואשן - איז דאס ריינע אויגן! ריינע אויגן איז דאס! און דער רבי זאגט "עינים על שם החכמה נאמר"![נה]

איז דער עיקר דארף מען וויסן, אז איינער האט עפעס א גוטע זאך, א הייליגע זאך, היט ער אפ די זאך! "מיר דארפן זייער היטן דעם מוח"!!

*

# זיך טובל'ען אינעם טייך...

דער רבי הייסט טאקע א "נחל נובע מקור חכמה"[נו], ס'איז א 'נחל' וואס קוועלט, א 'נחל' - א טייך איז אז ס'איז דא וואסער, דאס איז א נחל נובע מקור חכמה! א נחל וואס ס'איז נובע!

אונזערע לייט פלעגן זאגן, אז מען וויל זיך אבער טובל'ען אין דעם 'נחל' - אין דעם "נהר המטהר מכל הכתמים"[נז], דארף מען זיך "אויסטוהן", דעמאלטס קען

---

[נד] עי' ליקוטי הלכות הל' ברכות הראיה וברכות פרטיות ה' אות ג', ועי' גם הל' מילה ה' אות י"ח.

[נה] מובא בדברי רביז"ל כמה פעמים, עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ע"ו, ועוד, והוא עפ"י רש"י בראשית ג' ז'.

[נו] עי' חיי מוהר"ן אות קפ"ט.

[נז] עי' חיי מוהר"ן שם, ובאות של"ב.

מען זיך טובל'ען אין דעם טייך! אז איינער וויל זיך נישט אויסטוהן, ווי קען ער אריין זיך טובל'ען?!

דער רבי איז טאקע א "נהר המטהר מכל הכתמים", אבער "טוה דיך אוים"! טוה דיך אוים, וועסטו זיך קענען טובל'ען אין דעם טייך! וואס הייסט "זיך אויסטוהן"? אוועקווארפן די אלע מדות רעות, און די אלע תאוות רעות, און די אלע נארישקייטן - און אריין גיין זיך טובל'ען! דעמאלטס זאגט דער רבי "אני נהר המטהר מכל הכתמים"!!

*

# "לעבעדיגע טעג"

אזוי ווי דער רבי פירט אוים אין דער מעשה פונעם בעל תפילה, אז די מאכלים האבן אין זיך א סגולה, אז מ'עסט פון די מאכלים האבן זיי אין זיך א סגולה - אז מ'זאל אוועקווארפן (תאוות ממון, וכן שאר התאוות כנזכר למעלה)!

די זוהר הקדוש (פרשת אמור הנ"ל) ברענגט אויך ווייטער, אז רבקה האט מעורר געווען די אידן - יעקב איז די כלל ישראל; "איידער עשיו קומט מקטרג זיין און קאליע מאכן די מאכלים, גייט טוט תשובה"!

יעדער מענטש איז דאך פול מיט מצוות, מען איז דאך פול מיט מצוות, נאר וואס דען - די מצוות האבן נישט אין זיך דער "טעם" וואס עס דארף אין זיך האבן!

*

מיט'ן כח פונעם רבי'ן - אז מ'פאלגט דעם רבי'ן מיט זיינע עצות - דאס איז מחיה דעם גאנצן טאג! אז מ'רעדט זיך אוים פאר השי"ת האט דער טאג "חיות"!

דער רבי זאגט אין א תורה; עס זאל נישט הייסן קיין געשטארבענע טעג, "ימים מתים" - געשטארבענע טעג אן חיות![נח]

אבער אז מ'היט אפ די עצות פונעם רבי'ן - ווער שמועסט נאך אז מ'כאפט זיך אויף אין דעם "עת רצון", און נאכדעם רעדט מען מיטן אויבערשטן דיבורים, מאכט מען דעם גאנצן טאג "לעבעדיג"!

---

[נח] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' קע"ט.

*

עס איז דאך פארט אזוי, מ'מעג דאך רעדן אביסל פונעם תכלית אויך - - עס ווערט געבראכט "ויקרבו ימי (ישראל למות)"[נט], אלע טעג קומען, אז מען גייט אוועק - קומען צום מענטשן אלע טעג!

איז דא "שיינע טעג", און ס'איז דא "נישט קיין שיינע טעג"! אויסציוואשן מיין טאג ס'זאל זיין א שיינע - איז נאר "פאלגן דעם רבי'ן מיט זיינע עצות"!

*

איצטער גייט א ווינטער, "גילדענע נעכט", זאל מען זעהן אריין נעמען דעם רבי'ן - דער רבי זאגט אין די מעשה פונעם 'בערגער' (מעשה י'), אז דער בערגער האט געהערט דער ארימאן וויינט און קלאפט זיך קאפ אין דער וואנט, איז ער אריינגעגאנגען צו איהם; וואס וויינסטו? האט ער איהם גע'זאגט; פארוואס זאל איך נישט וויינען?! דער האט געלד, און דער האט קינדער, טאמער האב איך שוין געהאט דאס ווייב, האט מען דאס אויך ביי מיר צוגענומען! האט עס איהם אנגענומען ביים הארצן דער בערגער, איז ער אוועקגעגאנגען, געטוהן א ווילדע זאך, ער איין געגאנגען צום יעדניראל אין שטוב אריין - דאס איז די "אבי אבות הטומאה", און ער האט ארויסגענומען די "נשמה" פון דארטן, און צוריק געבראכט צום ארימאן!

צו וועמען טוהט דאס דער "בערגער" (- הצדיק)? אז ער גייט - ער זעהט אז ביינאכט, ער וויינט זיך אוים, ער קלאפט זיך קאפ אין די וואנט, גייט ער אריין צו איהם; "וואס וויינסטו מיין קינד"?! און גייט, טוהט א ווילדע זאך, און ראטעוועט איר (הנשמה השקועה אצל הטומאה כנ"ל)! "און ראטעוועט איר"!

דאס איז אויך דאס אייגענע - דער רבי טוט אונז "גרויסע טובות", דער רבי וויל אבער פון אונז וואס מיר האבן פריער גערעדט; "גיב מיר וואפנע מיט ציגל"! וואס

---

[נט] זוהר הקדוש פרשת ויחי דף רכ"א ע"ב, עה"פ "ויקרבו ימי ישראל למות"; ... הָכִי תָּאנָא, כַּד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בָּעֵי לְאֲתָבָא רוּחֵיהּ לֵיהּ, כָּל אִינוּן יוֹמִין דְּקָאִים בַּר נָשׁ בְּהַאי עַלְמָא, אִתְפַּקְדָן קַמֵּיהּ, וְעָאלִין בְּחוּשְׁבְּנָא ... זַכָּאָה חוּלָקֵיהּ דְּהַהוּא בַּר נָשׁ, דְּיוֹמוֹי אִתְקְרִיבוּ גַּבֵּי מַלְכָּא בְּלָא כִּסּוּפָא, וְלָא דָחֵי יוֹמָא מִנַּיְיהוּ לְבַר, דְּיִשְׁכַּח בְּהַהוּא יוֹמָא, דְּאִתְעֲבִיד בֵּיהּ חוֹבָא. בְּגִין כָּךְ, כְּתִיב בְּצַדִּיקַיָּא, קְרִיבָה, מִשּׁוּם דְּקָרִיבוּ יוֹמוֹי קַמֵּי מַלְכָּא, בְּלָא כִּסּוּפָא...

וויל איך דען פון דיר?! דו קענסט נישט בויען - ס'איז דא איינער וואס ער וועט בויען!

*

# אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!

איז דאך אוודאי אן עבירה - "אויף אייך איז שוין עבירה אז איר טוהט א עבירה" - אזוי האט דער רבי געזאגט![ס]

אז מיר ווייסן פון דעם רבי'ן, האבן מיר א אנדערן חשבון, לעתיד וועט זיין א אנדערע דין וחשבון, מיר וועלן אפגעבן דין וחשבון אסאך![סא] דאנקען גאט אז מיר ווייסן דאס - אז די דין וחשבון וועט זיין שווערער - און ברוך השם אז מיר ווערן אנגערופן אויפ'ן הייליגן נאמען!

אבער אז מ'איז יא אנגערופן אויפן רבי'נס נאמען, דארפן מיר טאקע זעהן אז מיר זאלן האבן א שייכות מיטן הייליגן רבי'ן!

*

עס איז נאך זאכן דא וואס מ'דארף אביסל רעדן דא; ערשטנס, דארף מען וויסן - אונזערע לייט פלעגן זאגן - (על מה שאמר רביז"ל) "מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד"[סב] - פלעגן אונזערע לייט אזוי זאגן; מיט וואס קען מען זיין תמיד פרייליך? אז מ'דערמאנט זיך אינעם רבי'ן, אז מ'קריגט נישט אויפ'ן רבי'ן, אז מ'איז נישט מבזה די ספרים[סג] - דערמיט קען מען שוין זיין תמיד פרייליך!

---

[ס] חיי מוהר"ן אות תקי"ב.

[סא] חיי מוהר"ן אות שנ"ד; עָנָה וְאָמַר עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם, עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים, וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי. כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ שֶׁיִּהְיֶה עֵת בְּעֵת שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם מֻנָּח עַל הָאָרֶץ עִם רַגְלָיו אֶל הַדֶּלֶת, אָז יִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיטֵב וְיִתְחָרֵט מְאֹד מְאֹד עַל שֶׁלֹּא זָכָה לְהִתְקָרֵב אֵלַי, אוֹ שֶׁלֹּא קִיֵּם אֶת דְּבָרַי. כִּי אָז יֵדְעוּ שֶׁאִם הָיוּ מְקֹרָבִים אֵלַי וּמְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי לֹא הָיָה שׁוּם דַּרְגָּא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא הָיִיתִי מְבִיאָם לְאוֹתָהּ הַמַּדְרֵגָה...

[סב] ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' כ"ד.

[סג] מובא במכתבי מוהרנ"ת הרבה, ע' עלים לתרופה מכתב צ"א, קע"ב, ק"פ, ועוד.

דאס איז א געוואלדיגע שמחה בלב - "גדולי עולם" ווייסן נישט פונעם רבי'ן, און אמאל איז דא וואס זענען פוגע אין די כבוד פונעם רבי'ן, און מיר - ברוך השם ווייסן פון איהם! איז "מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד"! דערמיט אליין קען מען זיין תמיד פרייליך! מיט דער זאך אליין!!

ווער שמועסט טאקע - אז מ'איז טאקע מקיים די עצות פונעם רבי'ן, קען מען אוודאי זיין תמיד פרייליך, בפרט די היינטיגע טאג!

*

[נאך איז דא א זאך וואס מיר בעטן זייער, עטליכע יאר איז ווען מ'ענדיגט דארטן מעריב מיטן בענטשן צולויפט מען זיך באלד, מ'וויל מאכן שמחת בית השואבה דא, זאל מען זיך נישט צולויפן, נאר טאקע איבער בלייבן דא, מ'זאל טאקע זיין פרייליך צוזאמען, מיר האבן אזא שמחה אין דעם היינטיגן טאג (יומא דהילולא פון "דעם הייליגן רבי'ן", א געוואלדיגע שמחה דארף ביי אונז זיין! ווי קען מען זיך אפשיידן פון דעם שמחה?! זאל מען זיך נישט צולויפן, נאר מ'זאל בלייבן דא, און טאקע זיין פרייליך], אמן.


**על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס**

מוה"ר **אליעזר חיים זינגער** הי"ו<br>וויליאמסבורג יצ"ו<br>**לרגל שמחת אירוסי בתו למזל טוב**

הרב **מאיר טייטלבוים** שליט"א<br>מאנסי יצ"ו<br>**לרגל שמחת אירוסי בנו למזל טוב**

מוה"ר **קהת פיינראט** הי"ו<br>ולחותנו<br>מוה"ר **נתן האבערפעלד** הי"ו<br>מאנסי יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת בתו - נכדתו למזל טוב**

מוה"ר **שמעון קויפמאן** הי"ו<br>לייקוואוד יצ"ו<br>**לרגל שמחת היכנס בנו לעול התורה והמצוות**

מוה"ר **יואל בלייער** הי"ו<br>מאנסי יצ"ו<br>**לרגל שמחת היכנס בנו לעול התורה והמצוות**

מוה"ר **מרדכי גימפל רובינסאהן** הי"ו<br>לייקוואוד יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב**

מוה"ר **יואל אדלער** הי"ו<br>וויליאמסבורג יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב**